ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל** **שער**
**תשיעי** **שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות יום ה׳ פ׳ קרח, בדר״ח תמוז**
**וש״פ קרח, ג׳ תמוז ה׳תנש״א**

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
**הי׳ תהא שנת פלאות בכל**
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

**מהרה יגלה אכי״ר**

* * *

**לז״נ**

הרה״ח הרה״ת ר׳ **צבי הירש** בן הרה״ח ר׳ **בן ציון** ע״ה

נלב״ע ז״ך אלול ה׳תש״מ

ומרת **רבקה** בת הרה״ח ר׳ **צבי** ע״ה

נלב״ע כ״ט תמוז ה׳תשס״ב

**שפריצער**

נתרם ע״י בניהם – יבלח״ט –

הרה״ת ר׳ **שמואל** והרה״ת ר׳ **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

# בס"ד. משיחות יום ה' פ' קרח, בדר"ח תמוז*
# וש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א

א. ג' תמוז איז דער טאָג ווען דער רבי דער שווער איז (אין יאָר תרפ"ז — פרז"ת) באַפרייט געוואָרן פון תפיסה בבית ה־אסורים („שפּאַלערקע" אין לענינגראַד), בתנאי אַז ער זאָל גלייך פאָרן אין גלות, אין עיר מקלטו[1] קאַסטראַמאַ אויף דריי יאָר[2].

בשעתו האָט מען נאָך ניט געוואוסט צי דאָס איז אַ גוטע זאַך[3] און ווי דאָס וועט זיך אויסלאָזן (וואָרום הגם אַז אַן עיר מקלט איז אַ „קלענערע" תפיסה ווי אַ בית האסורים, איז דאָס אָבער פאָרט אַ פאַר־שיקונג מיט אַלע הגבלות שבזה[4], און ס'איז נאָך געבליבן די סכנה אַז מ'קען חרטה האָבן וכו')[5]; אָבער דערנאָך, אין דעם טאָג פון י"ב תמוז[6], האָט ער (אין קאַסטראַמאַ) באַקומען די הודעה אַז מ'־באַפרייט אים, און די תעודת החופש וועט מען אים געבן אויף מאָרגן, י"ג תמוז, און דעמולט — בשעת ער איז אינגאַנצן באַ־פרייט געוואָרן — איז נתגלה געוואָרן, ווי ג' תמוז איז געווען די „אתחלתא דגאולה": נוסף אויף דעם וואָס ער איז דעמולט אַרויס פון בית האסורים און פאַרשיקט געוואָרן אין אַן עיר מקלט (אַ לייכטערער עונש) — האָט מען זיך דערנאָך דער־וואוסט אַז זיין פאַרשיקונג אין קאַסט־ראַמאַ איז געקומען אַנשטאָט דעם עונש וואָס מ'האָט אים פריער פאַר'משפט אויף היפך החיים ר"ל, וואָס דאָס וואָלט דאָך איינגעשטעלט אין סכנה און אָנגערירט — ר"ל — דעם גאַנצען המשך הענין פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה בפרט, און תמורת זה האָט מען פאַרלייכטערט דעם עונש און אים פאַרשיקט אין גלות[7], ביז אַז דאָס האָט דערפירט אַז מ'זאָל אים אינגאַנצן באַפרייען בי"ב־י"ג תמוז. און צוליב דעם נס איז דער טאָג באַשטימט געוואָרן[8] אַלס דער „חג הגאולה" מדי שנה בשנה.

שטעלט זיך די אויבנאויפיקע שאלה: וויבאַלד אַז די גאולה איז דאָך געווען אַ נס פון דעם אויבערשטן (וואָס דערפאַר דאַרף זיין „יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני

*) להמסיימות ד„בית רבקה" ולהמדריכות דמחנות־קיץ תחיינה.

1) כן נקרא ע"י בעל הגאולה („עיר מקלטי") — ראה מכתבו: ט"ו סיון תרפ"ח לחגיגת י"ב תמוז הראשונה (נדפס באגרות קודש שלו ח"ב ע' פ. וש"נ). י"ז אייר תרצ"ד (נדפס שם ח"ג ע' עט. וש"נ). ועוד.

2) פרשת המאסר והגאולה — ראה לקו"ד ח"ד תרי, א ואילך. ספר התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 105 ואילך. ועוד.

3) ובפרט שבשעתו לא ידעו החסידים (משא"כ בעל המאסר והגאולה עצמו — ראה ספר השיחות תש"א ע' 139) שהשילוח לגלות הי' תמורת משפטו להיפך החיים ר"ל (כדלקמן בפנים).

4) ובלשונו במכתב ט"ו סיון הנ"ל: בו ביום (ג' תמוז) הוכרחתי לצאת בגולה אל עיר מקלטי כו'. — ולהעיר דגלות „שקול כמעט כצער מיתה" (חינוך מצוה תי).

5) ולכן לא בירך אז ברכת הגומל (עד לאחרי שהגיע לביתו בט"ו תמוז), כי „אין לברך עד שיצא מהסכנה לגמרי" (סדר ברכת הנהנין לאדה"ז פי"ג ס"ה).

6) יום הולדת בעל הגאולה (בשנת תר"ם).

7) בתחלה היתה הגזירה על עשר שנים גלות ב„סאלאווקי" (מקום גירוש בסיביר), ואח"כ שינו זה לשלש שנים בקאַסטראַמאַ (ס' השיחות שם).

8) מכתב שבהערה 4.





יחד. ונוסף לזה — גם המעלה שבעבודת התשובה („לאתבא צדיקיא בתיובתא"), ע"י העבודה ד„יפוצו מעינותיך חוצה" (החל מה„חוצה" שבהאדם עצמו) — אשר, כל זה נעשה על ידי גילוי הנקודה[11] (ביטול) שלמעלה ממדוה"ג.

וענין זה מודגש במיוחד בבנין בית (חדש) של תומכי תמימים — שהבית מורה שהעבודה (דישיבת תומכי תמימים) נעשית באופן שמוקפת וסתומה מכל הצדדים, ללא אפשריות להשפעות מבחוץ ח"ו — בדוגמת הג' קוין המחוברים וסתומים שב־אות ת' [והפתח למטה הוא כדי להוסיף מעלת התשובה]. ובפרט ע"י בנין בית חדש, כמ"ש[12] „כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך גו' כי יפול הנופל ממנו". וי"ל שנרמז בזה רמז על פעולת התשובה של־מעלה מתורה שאפילו הנופל — ע"י מעקה בשלימותה יחי' מהקב"ה[13] יעשה תשובה ולא יפול.

ומזה מובן גם בנוגע לתלמידי הישיבה — אשר בקשר לחנוכת הבית של הישיבה, צ"ל אצלם הוספה בכל עניני העבודה דהישיבה באופן האמור לעיל, ולכל לראש — בלימוד התורה, הן נגלה דתורה והן פנימיות התורה, ובהקדמת עבודת התפלה, ו„תלמוד גדול שמביא לידי מעשה"[14] — גמילות חסדים, וביחד עם עבודת התשובה, וכללות העבודה דהפצת המעינות חוצה, הן בהאדם עצמו, והן ב„חוצה" כפשוטה — להפיץ המעינות מ־חוץ לד' אמות הישיבה וד' אמות הקדושה, ועד ל„חוצה" שבעולם, עד ל„חוצה" שאין חוצה ממנו. וכל ענינים אלו — מיוסדים וחדורים בנקודת הביטול.

ועד — שעי"ז מביאים בזריזות את קיום הבטחתו של משיח להבעש"ט[15], שע"י יפוצו מעינותיך חוצה „אתי מר" דא מלכא משיחא, תיכף ומיד ממש.

11) ראה לקו"ש שם ע' 319.

12) תצא כב, ח.

13) ראה ירושלמי מכות פ"ב ה"ו. יל"ש יחזקאל רמז שנח. יל"ש תהלים רמז תשב.

14) קידושין מ, ב. וש"נ.

15) אגה"ק הידועה דהבעש"ט (כתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ).

## בס"ד. קטע משיחת ש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א
### – בקשר לחנוכת הבית של הבנין החדש
### דישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש בקראון־הייטס –

דובר לעיל ע"ד החילוק בין תיבת „קרח" ו„חקת" (שתי הפרשיות שקורין בשבת זה – פ' קרח בקריאת היום, ופ' חוקת בקריאת תפלת המנחה) – ששתיהן כלולות מאותיות „חק", אלא שב„חקת" ניתוספה אות ת' (משא"כ ב„קרח" – אות ר'), הכוללת ג' קוים מחוברים (מלמעלה וב' הצדדים), ופתח (שער) למטה, ונקודה בצדה.

ובעבודת האדם: אות ת' (סיום כל הכ"ב אותיות התורה) מורה על סיום ושלימות העבודה בכל הג' קוין (כפי שהם מחוברים) יחד (כמו הג' קוין דאות ת' שמחוברים יחד ואין שם מקום לענינים צדדיים) – תורה עבודה וגמילות חסדים[1], ובכל שלשה לבושי הנפש יחד – מחשבה דיבור ומעשה[2]. דאף שצ"ל הפסק בין מחשבה דיבור ומעשה, כמרומז בההפסק בין רגל השמאלי והגג ורגל הימני דאות ה"א[3] – הרי ע"י סיום ושלימות העבודה בקדושה, הנרמזת באות תי"ו (סיום כל הא"ב), נעשה החיבור של מעשה עם מחשבה ודיבור, שהמעשה באה בהמשך אחד עמהם, באופן של זריזות דקדושה (כנרמז גם ב„פרח מטה אהרן . . ויגמול שקדים"[4], הזריזות דגידול שקדים[5]);

וכיון שת' מורה על שלימות העבודה – יש בזה גם המעלה שע"י עבודת התשובה (שזהו"ע הפתח למטה[6]), ע"ד „לאתבא צדי־קיא[7] בתיובתא"[8] – אשר, כל זה נעשה על ידי הנקודה (שבצדה) שלמעלה ממדידה והגבלה, שזהו"ע הביטול, שנמשך וחודר בכל הענינים והדרגות כולן.

ויש לקשר זה גם עם החגיגה המת־קיימת מחר ביום א' פרשת חקת – חנוכת הבית של בנין החדש דישיבת תומכי תמימים[9] ליובאוויטש:

ענינה של ישיבת תומכי תמימים הוא[10] – שלימות („תמים") העבודה בכל הג' עני־נים והקוין דתורה [נגלה דתורה ופנימיות התורה], עבודה [תפלה] וגמ"ח [כללות העבודה ד„יפוצו מעינותיך חוצה"], וכולם ביחד, וע"י כל ג' לבושי הנפש (מחדו"מ)

---

1) ראה אבות פ"א מ"ב.

2) ראה תניא פ"ד.

3) ראה תו"א מג"א צה, סע"ב ואילך. לקו"ת ר"פ בלק (סז, א). ובכ"מ.

4) פרשתנו יז, כג.

5) ראה קה"ר פי"ב, ז. פרש"י פרשתנו עה"פ. לקו"ת פרשתנו נה, ג.

6) למטה דוקא – כי למעלה ומב' הצדדים הכל סתום ואין מקום לענינים צדדיים (ועאכו"כ – הפכיים), כיון שהאדם הגיע לשלימות העבודה, ודוקא למטה (בעולם הזה התחתון) יש פתח ואפשריות לענין של ירידה ח"ו (ראה מנחות כט, ב), וגם בצדיקים – הפתח הוא למטה, כי עבודת התשובה (באופן ד„והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה" (קהלת יב, ז)) שייכת דוקא בעוה"ז התחתון.

7) ועי"ז נעשה הפתח למטה „שער" לצדיקים, כמ"ש (תהלים קיח, כ) „זה השער לה' צדיקים יבואו בו".

8) מאמר הזהר, הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. מאמרי אדה"ז תקס"ב ח"ב ע' תקלד. – וראה זח"ג קנג, ב.

9) להעיר שהראשי תיבות ד„תומכי תמימים" היא אות ת'. וכפליים (ל)ת(ושי').

10) בהבא להלן – ראה בארוכה לקו"ש חי"ד ע' 316 ואילך. ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 697. וש"נ.





אדם"[9]) – פאַרוואָס איז דאָס לכתחילה ניט געווען אַ נס בתכלית השלימות, אַז די גאולה שלימה זאָל קומען בשלימות בבת אחת, און ניט ווי ס'איז געווען בפועל, אַז דאָס האָט זיך אויסגעשטעלט אין שלבים: פריער די התחלת הגאולה – די יציאה מבית האסורים – בג' תמוז (אָבער – מ'פאַרשיקט אים אין גלות), און ערשט כמה ימים לאחרי זה, די שלימות הגאולה בי"ב־י"ג[10] תמוז?

נאָכמער: אויך נאָך י"ב־י"ג תמוז איז ניט געווען די שלימות הנצחון איבער דעם צד שכנגד (במדינה ההיא), ווי מ'זעט בפועל אַז עס זיינען דעמולט געבליבן די פאַרשידענע גזירות אויף די אידן במדינה ההיא ביז אַז דער בעל הגאולה האָט געדאַרפט (כביכול) פון דאָרט אַוועק־פאָרען, און די מניעות ועיכובים זיינען דאָרט געבליבן במשך כו"כ שנים לאחרי זה; און ערשט יעצט, בשנים הכי אחרונות – העכער זעכציק יאָר נאָך דער גאולה (בשנת תרפ"ז) – זעט מען דעם אויספיר פון דער גאולה – די גאולה פון אַלע אידן פון יענע מדינה (וכדלקמן).

וואָס זיכער איז דער סדר בזה – אַז די גאולה איז געקומען אין שלבים – ב־השגחה פרטית, מיט אַ טעם בדבר[11], ובפרט אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט דער מאסר וגאולה פון אַ נשיא בישראל, און אַ גאולה כללית פאַר אַלע אידן (ווי דער בעל הגאולה שרייבט[8]: „לא אותי בלבד גאל הקב"ה בי"ב תמוז, כי אם גם את כל מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה").

ב. אין דעם טאָג פון ג' תמוז – פיל יאָרן פיל דורות פיל פיל דורות פריער – איז געווען אַ נס: אין דעם טאָג[12] האָט יהושע געזאָגט[13] „שמש בגבעון דום", און „וידם השמש גו' עד יקום גוי אויביו"[14].

וויבאַלד אַז אַלץ איז בהשגחה פרטית[15], ובכל שנה חוזר'ן זיך איבער די ענינים ווי זיי זיינען געווען דעם ערשטן מאָל[16], דאַרף מען זאָגן אַז עס איז זיכער דאָ אַ שייכות צווישן די צוויי נסים וואָס האָבן פאַסירט ג' תמוז: „שמש בגבעון דום", און די התחלת הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (כדלקמן ס"ז)[17].

ע"ד ווי די שאלה הנ"ל בנוגע צו ג' תמוז (פאַרוואָס דאָס איז לכתחילה ניט געווען אַ נס באופן פון גאולה שלימה), פאָדערט זיך אויך אַ הסברה בנוגע צו דעם נס פון „שמש בגבעון דום":

וויבאַלד אַז דאָ פאַסירט אַ נס, און אַזאַ גרויסער נס ווי צו אָפּשטעלן דעם שמש (וואָס דאָס איז פון די גרעסטע נסים וואָס האָבן ווען עס איז פאַסירט[18], ביז אַז דער

---

9) תהלים קז, טו. ברכות נד, ב. רמב"ם הל' ברכות פ"י ה"ח. טושו"ע או"ח ר"ס ריט. סדר ברה"נ לאדה"ז שם ס"ב.

10) וגם בי"ב תמוז רק נתבשר שחופשה ניתנה לו, אבל בהשגח"פ הי' משרד הממשלה סגור, עד למחרתו בי"ג תמוז, שבו ניתנה לו תעודת השחרור.

11) ראה שיחת בעל הגאולה בשמח"ת תרפ"ח (יום קודם נסיעתו ממדינה ההיא): נסיעתי מכאן אינה מצד ההכרח, אלא סדר מסודר ישנו כאן (סה"מ תרפ"ח בהוספות ע' רטו).

12) סדר עולם רבה פי"א.

13) יהושע י, יב.

14) שם, יג.

15) כתר שם טוב הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

16) ראה רמ"ז בס' תיקון שובבי"ם, הובא ונת' בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

17) ראה גם לקו"ש ח"ד ס"ע 4131 ואילך. ח"ח ע' 114 ואילך. חכ"ח ע' 260 ואילך.

18) ראה רלב"ג יהושע שם, יב (בתחלת פירושו): אם הי' שהשמש עמד ובטל מהתנועה הנראית לו הנה הי' זה המופת יותר נפלא לאין שיעור מהמופתים שנעשו ע"י משה כו'.

פסוק זאָגט[19] „ולא הי' כיום ההוא לפניו ואחריו") בכדי אַז יהושע און די אידן זאָלן קענען ממשיך זיין די מלחמה דורך זען די אויבים און זיי נאָכלויפן („כי בעת ההיא עמד השמש נוכח גבעון וחשש פן ישקע בעונתו ולא יוכלו לרדוף אחרי האויב באישון הלילה, ולזה אמר להשמש שלא ילך מהלכו וימתין עוד נוכח גבעון, במקום שהוא עומד"[20]) — האָט דאָך דער נס געקענט שוין זיין אַ נס בשלימות, אַז אַנשטאָט אָפּשטעלן דעם שמש בכדי מ'זאָל קענען מלחמה האָבן (בדרך הטבע) לאור היום, האָט דער נס געדאַרפט זיין (ד.ה. אַז יהושע האָט געקענט און גע־דאַרפט בעטן באַ דעם אויבערשטן) אַז מ'זאָל לכתחילה מנצח זיין אין דער מלחמה (און בכלל ניט דאַרפן אָנקומען צו אָפּשטעלן דעם שמש, אָדער באופן אַז אויך בלילה זאָל מען קענען מלחמה האָבן, ע"ד „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[21] בעת ס'איז געווען חושך באַ די מצריים, וכיו"ב), און ווי עס שטייט אין דעם פסוק שלפני זה[22], אַז „וה' השליך עליהם אבנים גדולות מן השמים גו'"?

אויך אין דעם עצם נס וואָס „ויעמוד השמש" — יש לחקור אין וועלכן אופן איז געווען דער נס: צי דאָס איז געווען נאָר בנוגע דעם פרט וואָס איז נוגע צו אויס־פירן תכלית הנס — אַז עס זאָל בלייבן לייכטן דעם אור השמש (אור היום), וואָס דערצו פאָדערט זיך אַז נאָר דער (גלגל ה)שמש אַליין זאָל זיך אָפּשטעלן און ממשיך זיין לייכטן על הארץ (ועד"ז „וירח בעמק אילון"[13]); אָדער דער נס איז געווען אין דעם גאַנצן סדר זיינעם (פאַרבונדן מיט מהלך השמש), ד.ה. אַז דער נס האָט אָפּגעשטעלט אויך די אַלע ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מהלך השמש — די סיבות לזה (מהלך גלגל היומי, ובמילא — מהלך כל הגלגלים[23], וואָס ווערט דורך דעם סיבוב פון גלגל היומי, „המקיף ומסבב את הכל"[24]), און אויך די תוצאות מזה, און דער סיבוב פון די גלגלים קטנים אין גלגל השמש עצמו[25], וכיו"ב[26].

דער חילוק צווישן די צוויי אופנים איז: צי דאָס איז אַ נס וואָס איז משדד — צוברעכט — טבע, דורך דעם וואָס מ'שטעלט אָפּ נאָר דעם שמש (וירח) אַליין; אָדער אַ נס וואָס פועל'ט אין דעם טבע השמש, ובמילא אויך אין דעם גאַנצן סדר המהלך הטבעי פון דעם שמש (פאַרבונדן מיט מהלך כל הגלגלים).

ויש לומר אַז דאָס איז ע"ד די צוויי[27]

19) יהושע שם, יד.

20) מצו"ד שם, יב.

21) בא י, כג.

22) פסוק יא.

23) ואעפ"כ, מפורש בקרא „וידם השמש וירח עמד" — כי פרטים אלו היו נוגעים ליהושע לנצחון המלחמה (ראה מצו"ד שם).

24) רמב"ם הל' יסודי התורה פ"ג ה"א.

25) ראה רמב"ם שם ה"ב. ה"ד.

26) שקו"ט באופן תנועת הגלגלים, ואופן ההשפעה של גלגל א' על שאר הגלגלים (באם הם כולם כמו גוף אחד או כמו גופים מחולקים) — ראה ספר החקירה להצ"צ ו, ב. ח, ב ואילך. וש"נ.

27) ובפרטיות — יש בזה ג' סוגים: (א) שגם בעת הנס נשאר הדבר במהותו (להעיר שבעת מכת דם הרי „גיגית מלאה מים . . ישראל שותה מים כו'" — שמו"ר פ"ט, י). (ב) ע"ד הנס דקרי"ס, שהנס פעל שינוי בטבע המים שיהיו „כחומת אבנים", אבל לא נשתנה המים במהותו ליבשה, ולכן „אילו הפסיק ה' את הרוח כרגע היו המים חוזרים וניגרים" (שעהיוה"א פ"ב). (ג) הנס פועל שינוי בטבע הדבר, כמו הנס דידו של משה מצורעת כשלג. [ולהעיר מהג' אופנים בביאור שמשה לא אכל ולא שתה ארבעים יום, ראה לקמן הערה 114].

ובנדו"ד — נס העמדת השמש — אפשר לומר





וועלט אַליין וועט מסייע זיין אַ אידן אין זיין עבודה.

ובמיוחד — שטייענדיק בזמן הקיץ — ווען קינדער גייען אין מחנות־קיץ, דאַרף מען זיך משתדל זיין אַז אידישע קינדער זאָלן גיין אין מחנות קיץ וואָס זיינען מיוסד אויף אַ חינוך הכשר ועל טהרת הקודש; און די וואָס פאַרנעמען זיך מיט מחנך זיין די קינדער — דאַרפן זעען אויס־נוצן דעם זמן הקיץ בתכלית השלימות, און בתכלית הזריזות, אויסנוצן יעדער רגע פנוי אויף אין זיך אַליין צוגעבן און צוגעבן באַ די קינדער אין אַלע ענינים פון אידישקייט, מיט לעבעדיקייט און פריי־לעכקייט.

ומענין לענין: ע"פ ה„יש נוהגין"[122] צו זאָגן[123] פרקי אבות בכל שבתות הקיץ (נאָך תפלת מנחה) — איז כאן המקום נאָכ־אַמאָל מעורר זיין וועגן דעם [ובפרט אַז דעם שבת איז דער פעם העשירית[124] פון זאָגן פרקי אבות בשנה זו (די זעקס וואָכן בין פסח ועצרת, און פיר וואָכן נאָך עצרת ביז דעם שבת)], ומה טוב — זייענדיק תורה שבעל־פה — אַז מ'זאָל לערנען איין משנה (עכ"פ) לעיונא.

און אַזוי אויך יש לעורר אויף דעם מנהג טוב בכמה מקומות צו חזר'ן אַ מאמר חסידות נאָך תפלת מנחה בשבת. — ויה"ר אַז עס זאָל זיין אין אַן אופן פון „חקת" (ווי מ'גייט לייענען עתה בתפלת מנחה), אַז דאָס זאָל דערנעמען די שומעים און אין זיי אויפטאָן אַ שינוי ביז אין אַן אופן פון חקיקה, אַז דאָס ווערט אין זיי איינגע־קריצט.

און תיכף ומיד ממש זאָל דאָס שוין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, און הקרבת פרה העשירית, שיעשה מלך המשיח מהרה יגלה, אמן כן יהי רצון[125],

ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו[126] גייען אַלע אידן אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, וכאמור — תיכף ומיד ממש.

122) סידור אדה"ז במקומו.

123) וי"ל הטעם על זה (אף שבתושבע"פ צ"ל לימוד והבנה — ראה הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב) — כי אמירת פרקי אבות באה בהמשך לתפלה (תפלת מנחה), שענין התפלה אינו לימוד (ואדרבה, בלשון הידוע (שו"ת הריב"ש סקנ"ז. הובא ונת' בסהמ"צ להצ"צ שרש מצות התפלה פ"ח) אני מתפלל לדעת זה התינוק), ולכן גם אמירת הפרק אינה בגדר לימוד כ"כ — כנראה בפועל בהנהגת הרוב.

124) וגם ברפ"ד דאבות (הפרק דשבת זה) מרומז הענין דעשירי — כי הד' ענינים (דחכם, גבור, עשיר ומכובד) הם כנגד הד' אותיות דשם הוי' (שער מארז"ל ולקוטי הש"ס לאבות כאן), ששם הוי' במילואו הוא — עשר אותיות.

125) רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג.

126) בא י, ט.

העלפט עס, ווען „אתם המעט מכל העמים"[115], און אין דער וועלט אַרום זיינען פאַראַן שבעים אומות וועלכע זיינען אַ ריבוי עצום בכמות בערך צו דער כבשה אחת[116].

ובסגנון אחר: וואָס וועט די וועלט און וואָס וועלן די אומות זאָגן אויף דעם וואָס אַ איד טוט זיין עבודה פון „יפוצו מעינותיך חוצה", ובמיוחד — אין ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, זיי פאַרשטייען דאָך ניט וואָס דאָס מיינט?! ס'איז טאַקע גאָר אַ גרויסע און הויכע עבודה — אָבער מ'דאַרף זיך דאָך לכאורה רעכענען — טענה'ט ער — מיט דער וועלט!

איז דער ענטפער אויף דעם: די וועלט איז שוין צוגעגרייט, פאַרטיק! בשעת אַ איד וועט טאָן זיין עבודה כדבעי — באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה ווי דאָס איז אָנגעטאָן אין די כלים פון לבושי הטבע — וועט ער זען ווי דער עולם, טבע העולם און אומות העולם זיינען אים מסייע אין זיין עבודה.

אפילו אַמאָל (ווען עס זיינען געווען מניעות ועיכובים) איז דער סדר ביי דעם חסיד געווען, אַז מצבו איז, און במילא האָט ער געזאָגט, „ביטול אידיאָט": עאכו"כ איצטער, ווען מ'האָט ניט כו"כ פון די אַלע מניעות ועיכובים [וכאמור לעיל, אַז אויך אין מדינה ההיא זיינען געוואָרן שינויים גדולים לטוב], ואדרבה — אין דער וועלט אַליין זעט מען די נסים ונפלאות וואָס קומען פאָר בפרט אין די לעצטע יאָרן [שנת נסים, און שנת אראנו נפלאות] — איז שוין הגיע הזמן, אַז הגם וואָס עס דאַרף זיין אַן ענין שלמעלה ממדידה והגבלה — נסים ונפלאות, ביז די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה — נעמט עס דורך אויך טבע העולם, אַז די וועלט אַליין איז מסייע צו צמיחת הגאולה [אַזוי ווי „פרח מטה אהרן" האָט גע'פועל'ט אין טבע המטה, אַז עס זאָל זיין צמיחת הפירות בדרך הטבע].

וע"ד ווי ס'איז געווען באַ יציאת מצרים — וואָס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[117] — אַז נוסף צו די נסים וואָס זיינען דעמולט געווען, איז געווען „וינצלו את מצרים"[118], באופן כזה אַז הגם דאָס האָט זיך אָנגעהויבן בדרך נס, האָט דאָס געפירט דערצו אַז די מצריים אַליין האָבן אין דעם מסייע געווען אידן, און געגעבן מער ווי מ'האָט זיי געבעטן[119]. עאכו"כ אין דער גאולה האמיתית והשלימה — ווען עס וועלן זיין נפלאות אפילו בערך צו די נפלאות באַ יצי"מ[120], וועט דאָס אויך זיין באופן כזה אַז דער עולם וטבע העולם עצמו וועט דערצו צוהעלפן.

יג. ובנוגע לפועל:

גייענדיק פון ג' תמוז צו און אין די ימי הגאולה פון י"ב־י"ג תמוז — וואָס בכל שנה ושנה (שנה — שכולל כל שינויי הזמן[121]) קומט אין דעם צו אַן עלי' — דאַרף יעדערער מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין אַלע פעולות פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ובאופן של זריזות, ומתוך ההכרה — אַז די

115) ואתחנן ז, ז.

116) תנחומא תולדות ה. אסת"ר פ"י, יא. פס"ר פ"ט, ב.

117) מיכה ז, טו.

118) בא יב, לו.

119) ראה פרש"י שם, ממכילתא עה"פ.

120) ראה אוה"ת נ"ך עה"פ (ע' תפז). וש"נ.

121) רמ"ז לזח"ג רעז, ב. שרש ישע ערך שנה. עבוה"ק ח"ד פ"ט. וראה אוה"ת מקץ שלח, סע"א. תתקעו, א.



משיחות יום ה' פ' קרח, בדר"ח תמוז וש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א

סוגים אין נסים[28]: (א) דער נס איז ניט משנה טבע הדבר. ווי דער נס פון מכת דם, אַז ווען די מים איז מהפך געוואָרן לדם זיינען זיי פאַרבליבן אין דעם מהות פון מים, און ווען דער נס איז נפסק געוואָרן, איז ממילא נתבטל געוואָרן דער שינוי המים לדם. ובנדו"ד — אַז „וידם השמש" איז נאָר געווען אַ נס ביחס צו דעם שמש אַליין, און דערנאָך האָט זיך אומגעקערט דער סדר הקבוע פון מהלך השמש בתוך מהלך שאר הגלגלים. (ב) אַ נס וואָס איז משנה טבע ומציאות הדבר (ווי דער נס פון „ידו מצורעת כשלג"[29], וואָס נאָכן נס איז די צרעת אויפן האַנט געווען באופן טבעי), און בכדי צוריקקערן צו טבעו הקודם דאַרף מען אָנקומען צו נאָך אַ נס.

ג. וי"ל שעד"ז הוא בביאור אויף אַן ענלעכע שאלה אין אונזער פרשה — בנוגע צו דעם נס פון „פרח מטה אהרן"[30]:

בהמשך צו דעם ערעור על הכהונה פון קרח ועדתו האָט דער אויבערשטער געהייסן משה'ן נעמען אַ מטה פון יעדער שבט, „שנים עשר מטות איש את שמו תכתוב על מטהו, ואת שם אהרן תכתוב על מטה לוי", „והי' האיש אשר אבחר בו מטהו יפרח"[31]. וכך הוה — אַז משה האָט אַוועקגעלייגט די אַלע מטות „לפני ה' באוהל העדות"[32], און אויף מאָרגן — „ויבוא משה אל אהל העדות והנה פרח מטה אהרן לבית לוי, ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים"[30], און משה האָט אַרויסגעטראָגן אַלע מטות בכדי אַלע אידן זאָלן דאָס זען[33], און דער אויבערשטער האָט געזאָגט[34] „השב את מטה אהרן לפני העדות למשמרת לאות", „לזכרון שבחרתי באהרן הכהן כו'"[35].

דאַרף מען פאַרשטיין: וויבאַלד אַז „פרח מטה אהרן" איז געווען אַ נס בכדי באַווייזן אויף בחירת הקב"ה בכהונת אהרן — וואָלט געווען גענוג ווען עס וואָלטן געוואָרען פאַרטיקע שקדים אויף דעם מטה, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ סימן פאַר אידן, ד.ה. אַז ס'איז לכאורה גענוג אַז דער נס איז נאָר אין דעם פרט וואָס איז נוגע צו כוונת הנס („שבחרתי באהרן הכהן") — צוליב וואָס האָט דער נס פון שקדים געדאַרפט זיין אַ צמיחה וגידול בסדר טבעי — „ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים" (און דאָס אַלץ האָט משה באַוויזן אידן[36]), און נאָכמער — „למשמרת" ס'איז געבליבן ניט נאָר מטה אהרן און די שקדים, נאָר אויך די פרחים, ווי די גמרא זאָגט[37] „משנגנז ארון נגנז עמו כו' מקלו של אהרן ושקדי' ופרחי'"[38]?!

איז דער נקודת הענין אין דעם[39]: די תכלית און חידוש פון דעם נס איז, אַז הגם וואָס אַ מטה מצד עצמו איז בטבעו ניט שייך צו פריחה און צמיחת פירות, דאָס קען זיין נאָר בכחו של הקב"ה (אַ נס), פונדעסטוועגן, האָט דער נס אויפגעטאָן

באַ' מג' אופנים הנ"ל. וע"פ המבואר לקמן בפנים (שנס זה פעל שינוי בטבע מהלך השמש), אפ"ל שזה הי' כאופן הב' או אופן הג' הנ"ל.

28) בהבא להלן, ראה לקו"ש ח"ה ע' 176. ח"ו ע' 89. חי"ח ע' 242 ואילך.

29) שמות ד, ו.

30) פרשתנו יז, כג.

31) שם יז־יח. כ.

32) שם, כב.

33) שם, כד.

34) שם, כה.

35) פרש"י עה"פ.

36) ראה בארוכה לקו"ש חכ"ג ע' 118.

37) יומא נב, ב. וש"נ.

38) ראה לקו"ש שם ע' 121. וש"נ.

39) בהבא להלן ראה גם לקו"ש שם ע' 119 ואילך.

אין מטה אהרן, אַז ס׳איז געווען און געבליבן ניט סתם אַן ענין נסי שלמעלה לגמרי פון טבע, נאָר דאָס ווערט פאַרבונדן מיט דעם טבע המטה. און דערפאַר איז דער אופן הפריחה געווען אין אַ סדר טבעי (אבל לא בהגבלת הזמן) פון צמיחת פירות[40]: „ויוצא פרח (כמשמעו[41]) ויצץ ציץ (חנטת הפרי כשהפרח נופל[41]) ויגמול שקדים (כשהוכר הפרי הוכר שהן שקדים[41])״.

[און דאָס האָט באַוויזן אידן, אַז בחירת הקב״ה אין אהרן הכהן איז באופן אַז די כהונה ווערט ביי אים זיין טבעיות׳דיקע מעלה (וואָס בלייבט שטענדיק ביי אהרן ובניו)].

ועד״ז איז אויך דער ביאור אין דעם נס פון „שמש בגבעון דום״, און דער נס הגאולה פון ג׳ תמוז, כדלקמן.

ד. ויש לומר דער ביאור בזה:

חז״ל זאָגן[42] אַז „כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו״. ד.ה. אַז יעדער זאַך אין עולם — אע״פ וואָס עולם איז מלשון העלם והסתר[43] — איז באַשאַפן געוואָרן בכדי מגלה זיין כבודו של הקב״ה, און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דער עבודה פון אַ אידן וואָס ער נוצט אויס די עניני העולם לכבודו של הקב״ה.

און דער טעם והכרח אויף דעם איז אויך מרומז אין לשון המשנה „(כל מה) שברא הקב״ה״: וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט מודיע געווען בתורתו אַז „ברא הקב״ה״ — אַז ער האָט באַשאַפן די זאַך און מודיע געווען ווי ער האָט איר באַשאַפן, אַז ער האָט איר באַשאַפן אין אַן אופן אַז ער נעמט כביכול זיינע כחות און צייט (די ששת ימי בראשית) צו באַשאַפן יעדער נברא מיט אַ כח מיוחד — דער כח פון התהוות יש מאין וואָס איז דוקא בכח העצמות[44], ובפרט ע״פ תורת הבעש״ט[45] אַז די התהוות הבריאה ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מאין ואפס ממש — איז דאָס אַ הוכחה אַז דער אויבערשטער וויל אַז די נבראים זאָלן האָבן אַ שייכות מיט זייער (כח ה)בורא (דער אויבערשטער), ביז אַז זיי זאָלן (קענען) צוגעבן כביכול בכבודו של הקב״ה,

ווייל אויב ניט שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט (ניט אין אַן „אָפּגעטראָגענעם״ אופן, אַז די בריאה, למשל, ווייסט ניט אַז „ברא הקב״ה״, און ווייסט ניט דעם אופן שברא, בעשרה מאמרות[46] וכיו״ב, נאָר) אין אַן אופן אַז ער האָט „אַריינגעלייגט״ זיין כח (העצמות) און זיינע עשרה מאמרות אין דער בריאה, און נאָכמער: פאַרוואָס האָט ער באַשאַפן די וועלט אין אַן אופן אַז ער איז איר מהוה בכל רגע מחדש — ער האָט דאָך איר געקענט באַשאַפן מיט אַזאַ כח חזק, אַז דורך זיין התהוות בפעם הראשונה זאָל די וועלט האָבן דעם כח צו בלייבן קיים שית אלפי שנין[47], און ניט דאַרפן אָנקומען בכל רגע צו אַ התהוות חדשה פון דעם דבר ה׳[48]?

40) וי״ל נפק״מ — שמותר ליהנות משקדים אלו ומהפירות הגדלים מהם, כי אינו מעשה נסים (ראה תענית כד, ב), דבפשטות משמע שהשקדים היו פירות טבעיים, שמהם אפשר לגדול עוד פירות (שקדים).

41) פרש״י עה״פ.

42) אבות ספ״ו.

43) ראה לקו״ת שלח לז, ד. מאמרי אדהאמ״צ דברים ח״א ע׳ שג. ח״ג ע׳ נט. ועוד.

44) אגה״ק ס״כ (קל, ריש ע״ב).

45) שעהיוה״א פ״א.

46) אבות רפ״ה.

47) ראה ר״ה לא, א.

48) שהרי הטעם וההוכחה שכלית לזה שההתהוות היא בכל רגע (כמבואר בשעהיוה״א פ״ב) וכל הטעמים שכליים בביאור אופן ההתהוות — הם ע״פ





מצב פון „יפוצו״ — זיין מציאות דאַרף באַשטיין פון „יפוצו״, אַ מציאות וואָס פאַרשפּרייט אלקות, ובאופן שלמעלה ממדידה והגבלה (יפוצו אָן הגבלות[107]). נאָך איידער מ׳זאָגט אים וואָס (בפרטיות) ער דאַרף מפיץ זיין [מעינותיך], און וואו ער דאַרף מפיץ זיין [חוצה] — דאַרף ער וויסן, אַז גלייך ווי ער שטייט אויף אינדערפרי (נאָך איידער ער טוט זיין עבודה בפרטיות) איז ער אַ מציאות פון „יפוצו״ — „מודה אני לפניך כו׳ רבה כו׳״. „אני נבראתי לשמש את קוני״[108] איז ניט דער פשט אַז ער איז אַ מציאות לעצמו, און די מציאות איז זיך עוסק אין „יפוצו״ (לשמש את קוני), נאָר כל מציאותו איז „יפוצו״. ובלשון הידוע[109]: „לכתחילה אַריבער״, גלייך מלכתחילה שטייט ער אַריבער.

דערנאָך דאַרף ער דאָס ממשיך זיין אין פרטים: „מעינותיך״ — ער דאַרף מפיץ זיין דוקא די מעינות פון תורה, שמטהר בכל שהוא[110] [העכער פאַר די דרגות מים שלמטה מזה, מי מקוה וכיו״ב[111]], און ער דאַרף זיי מפיץ זיין „חוצה״, אָנהויבנדיק פון חוצה אין זיך (פון זיין נקודת האמונה וקבלת עול אין זיין שכל ומדות וכחות פנימיים), ביז אין חוצה כפשוטה — חוץ פון די ד׳ אמות פון קדושה, פון ישיבה, ביהכנ״ס וביהמ״ד, ביז אין „חוצה״ (מיט אַ ה״א וואָס איז כולל חוצה[112]) שאין חוצה למטה ממנה.

וע״ד דער סיפור הידוע מיט אַ חסיד וואָס איז געגאַנגען אין גאַס במדינה ההיא — ניט רעכענענדיק זיך מיט מדידות והגבלות, ווי דער סדר פון אַן אמת׳ער חסיד איז — אין אַ זמן ווען דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנה. און אַ פּאָליסמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „קטאָ אידיאָט״ (ווער גייט)? האָט ער געענטפערט: „ביטול אידיאָט״ (ביטול גייט)! ער האָט געענטפערט דאָס וואָס ביי אים האָט זיך געלייגט מיט אַן אמת — אַז כל מציאותו איז „ביטול״, און די מציאות פון „ביטול״ גייט!

צוזאַמען דערמיט האָט ער עס אים געענטפערט דוקא אויף רוסיש — ווייל זיין ביטול איז אויך נמשך געוואָרן אין דעם מצב און שפּראַך פון דעם מקום — אין דער טבע ומציאות פון רוסלאַנד — ע״ד „אזלת[113] לקרתא הלך בנימוסא״[114], אַזוי אַז דער טבע ולשון המקום עצמו זאָגט און דערהערט אַז „ביטול אידיאָט״.

יב. דערביי קען נאָך זיין די שאלה — ווי אַנדערע פרעגן: אפילו בשעת איך אַליין טו מיין עבודה בשלימות, ביז אַז איך דערגרייך צו אַ דרגא וואָס מיין מציאות איז „יפוצו״ (תכלית הביטול) — וואָס

107) ראה „קובץ כ״ח סיון — יובל שנים״ ע׳ 38.

108) משנה ובריי׳תא סוף קידושין.

109) אגרות־קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תריז. לקו״ש ח״א ע׳ 124. ועוד.

110) מקואות פ״א מ״ז. רמב״ם הל׳ מקואות פ״ט ה״ח. טושו״ע יו״ד סר״א ס״ב.

111) ריש מס׳ מקואות. רמב״ם שם רפ״ט.

112) ראה לעיל ח״א ע׳ 144.

113) שמו״ר שבהערה 53.

114) ולהעיר שזהו הטעם שמשה לא אכל ולא שתה ארבעים יום (שמו״ר שם. ב״ר פמ״ח, יד. וראה גם ב״מ פו, ב) [ולהעיר שג׳ תמוז הוא בתוך ארבעים ימים הראשונים], וכמבואר במ״א (לקו״ש תשא תש״נ) שיש בזה ג׳ אפשריות ודרגות: (א) שטבע משה לא נשתנה (ולכן נצטער משה על זה שלא אכל ולא שתה. ראה הנסמן בהערה 53). (ב) שטבע שלו נשתנה (לפי שעה) ע״י נס של הקב״ה, נס שנמשך במשך כל הארבעים יום, (ג) הנס הי׳ רק פעם א׳ בתחלה, כי זה פעל שינוי בטבע שלו, שהטבע שלו עצמו נעשה כמו מלאך, שאינו זקוק לאכילה ושתי׳.

ממדידה והגבלה דערנאָך „פאַנאַנדער־בליען" אין אַלע זיינע כחות פנימיים, ביז אין זיין גאַנצע מציאות און טבע, ביז אַז דאָס זאָל אַרויסגעבן פירות – „ויצא פרח ויציץ ציץ ויגמול שקדים", ובאופן כזה – אַז זיין טבע ומציאות עצמו ווערט באופן של זריזות („אַ שנעלער טבע") ושלמעלה ממדידה והגבלה, אַז אַלץ וואָס ער טוט מיט זיינע כחות טבעיים איז בזריזות הכי גדולה, זריזות דקדושה.

עד"ז האָט מען אויך דעם לימוד אין דער עבודה בעניני רשות פון אַ אידן, ובפרט בנוגע צו זיין פרנסה גשמית: לכל לראש לערנט מען אָפּ פון „פרח מטה אהרן" (וואָס בלייבט „למשמרת") – ע"ד ווי דער לימוד פון „צנצנת המן" וואָס איז אויך געבליבן „למשמרת לדורותיכם"[100] – אַז בשעת אידן האָבן גע'טענה'ט צו ירמיהו'ן (וואָס ער האָט פון זיי געמאָנט „למה אין אתם עוסקים בתורה"): „נניח מלאכתנו ונעסוק בתורה מהיכן נתפרנס", האָט ירמיהו אַרויסגענומען דעם „צנצנת המן" און זיי געזאָגט: „ראו בזה נתפרנסו אבותיכם, הרבה שלוחין יש לו למקום להכין מזון ליראיו"[101]. עד"ז האָט מען דעם לימוד פון „פרח מטה אהרן", אַז שקדים (אַ מזון גשמי) וואַקסן אויס באופן נסי, ובזריזות, ועד"ז – איז בנוגע צו דער פרנסה פון אידן.

לאידך גיסא שטייט „וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה"[102], אַז די המשכה פון פרנסה גשמית ווערט אויפגעטאָן דורך אַ סדר טבעי פון צמיחת שקדים („ויצא פרח ויציץ ציץ ויגמול שקדים"), וואָס קומט דורך משא ומתן באמונה[103] (חרישה ו־זריעה), אין די הגבלות פון טבע העולם, דורכגענומען מיט דער אמונה בה' – „שמאמין בחי העולמים וזורע"[104]; און דאָס ווערט די כלי אויף באַקומען די ברכות של הקב"ה אויף פרנסה באופן נסי, אָבער אַזאַ נס וואָס טוט זיך אָן אין טבע העולם, אַז מ'זעט ווי דער טבע העולם און אוה"ע עצמם איז מסייע אין דער השפעת פרנסה צו אַ אידן.

ווי מ'זעט עס במיוחד בדורות האח־רונים, וואָס דער אויבערשטער האָט גע־בענטשט אידן אַז זיי זאָלן באַקומען זייער פרנסה מיט ווייניקער יגיעה, מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף (מער ווי ס'איז געווען בדורות לפני זה), דורך דעם וואָס די וועלט אַליין איז מסייע לזה.

יא. דערפון האָט מען אויך אַ לימוד מיוחד אין דער עבודה פון הפצת המעינות חוצה, וועלכע איז נתרחב געוואָרן ביז באופן שלא בערך דורך און נאָך דער גאולה פון ג' תמוז און י"ב־י"ג תמוז:

יש לומר אַז די דריי ענינים פון „יפוצו[105] מעינותיך חוצה"[106] זיינען ע"ד די דריי ענינים אין דעם אות ד': יפוצו – נקודת הביטול, מעינותיך – דער קו ל־מעלה (רוחב), און חוצה – דער קו באורך וואָס באַדייט די השפעה מלמעלה למטה.

לכל לראש דאַרף אַ איד שטיין אין אַ

100) בשלח טז, לג.

101) פרש"י עה"פ.

102) פ' ראה טו, יח. ספרי עה"פ. וראה לקו"ש חי"ח ע' 294. וש"נ. וראה מאמרי אדה"ז תקס"ה ח"ב ע' תרמח.

103) ועד שבשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, עוד קודם ששואלים לו עסקת בתורה (שבת לא, סע"א).

104) תוד"ה אמונת – שבת שם (בשם ה־ירושלמי).

105) לשון הכתוב – משלי טז, ה.

106) ראה באגה"ק הבעש"ט (כש"ט בתחלתו. ובכ"מ): בעת שיתפרסם למודך ויתגלה בעולם ויפוצו מעינותיך חוצה.





וי"ל דער טעם אויף דעם, ווייל עלה ברצונו ית' אַז יעדער נברא זאָל פילן ווי ער טוט אויף (אָדער דורך אים טוט זיך אויף) אַ הוספה וחידוש [וואָס דעמולט האָט אַ נברא אַן אמת'ע און שלימות'דיקע פאַרגעניגן, כטבע הבריאה אַז „אדם[49] רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו"[50]]. ד.ה. אַז נוסף אויף דעם וואָס ער איז מקיים וואָס דער אויבערשטער הייסט אים, טוט ער אויף כביכול פון זיך אַ הוספה; וואָס איז אַן אמת'ער אויפטו – בשעת ער איז פאַרבונדן מיט דעם אויב־ערשטן, איז ער מגלה כבודו של הקב"ה.

און צוליב דעם האָט דער אויבער־שטער אַריינגעגעבן זיין כח הבריאה אין דער וועלט, ובאופן אַז ער באַשאַפט איר שטענדיק בכל רגע מחדש – ווייל דאָס פאַרבינדט יעדער נברא יעדער רגע מיט דעם אויבערשטן, אַז בכל פרט ופרט ובכל רגע ורגע האָט דער נברא דעם כח צו מגלה זיין כבודו של הקב"ה מחדש (דער דבר ה' וואָס האָט אים די רגע ממש מחי' געווען מחדש)[51].

אויב די בריאה וואָלט באַשאַפן גע־וואָרן אין אַן אופן אַז ער האָט כחו של הקב"ה, און דאָס איז אַ כח חזק וואָס שטייט לתמיד אָדער אויף אַ משך זמן (און ווערט ניט נתחדש בכל רגע ורגע) – וואָלט דער גילוי פון כבודו של הקב"ה געווען באופן כללי און אַן איין מאָליקע זאַך. דורך דעם וואָס בכל רגע ווערט יעדער נברא באַשאַפן מחדש בדבר ה', איז מען מגלה בכל רגע מחדש כבודו של הקב"ה. לדוגמא: דורך טרינקען וואַסער – מאַכט אַ איד די ברכה „שהכל נהי' בדברו"[52], און איז דורך דעם מגלה די הוספה וחידוש וואָס די וואַסער טוט אויף [ווייל אָן די וואַסער זאָגט ער ניט די ברכה] בגילוי כבודו של הקב"ה, „שהכל נהי' בדברו" (דעם דבר ה' וואָס האָט מחי' געווען די וואַסער מחדש, און – „שהכל נהי' בדברו", דאָס איז מגלה דעם דבר ה' בכל הנבראים), און בשעת ער טרינקט וואַסער און מאַכט נאָך אַ ברכה אַ זמן שפּעטער, איז דאָס מגלה דעם דבר ה' („דברו") החדש וואָס קומט דעמולט צו אין אים (דעם מברך) און בכל העולם[53] [ועד"ז

כללי השכל שנבראו ע"י הקב"ה, וכיון שהוא ית' אינו מוגדר בטעמים אלו, הי' יכול לברוא את העולם באופן אחר לגמרי. וטעמים אלו שייכים רק לאחרי שידענו שעלה ברצונו ית' שבריאת והנהגת העולם תהי' ע"פ כללי השכל (ראה ס' השיחות תשמ"ח ח"א ע' 134 ואילך. לקו"ש חכ"ז ע' 253).

49) ב"מ לח, א.

50) וראה מכתב י"א ניסן תשל"ב (הגש"פ עם לקוטי טעמים, מנהגים וביאורים – קה"ת תשמ"ו ואילך – ע' תרמב).

51) ועד שהנברא נעשה כמו „שלהבת עולה מאלי'" (בנוגע לגילוי הקדושה וכבודו של הקב"ה שעל ידו) – ראה שיחת ש"פ בהעלותך (לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 598 ואילך) ובהערה 69.

52) משנה ברכות מד, א.

53) ויש לומר שזהו גם א' מהטעמים שהאדם נברא בטבע באופן כזה שזקוק לאכילה ושתי' תמיד מחדש* (ולכן הנשבע „שלא יאכל כלום שבעת ימים" ה"ז שבועת שוא (רמב"ם הל' שבועות פ"ה ה"כ)) – כי עי"ז בכחו לגלות בכל אכילה ושתי' הדבר ה' החדש שמחי' האדם והמאכל וכל העולם („שהכל נהי' בדברו", וכיו"ב).

*) ורק בנוגע למשה נאמר (תשא לד, כח) ש„ארבעים יום וארבעים לילה לחם לא אכל ומים לא שתה" — שזהו הי' חידוש ונס, וגם בנוגע למשה יש דיעה במדרש שנצטער מזה (שמו"ר פמ"ז, ז. וראה יפ"ת שם. וראה גם אוה"ת שה"ש ס"ע תשעה. ס"ע תשצא. סה"מ תרכ"ט ע' שנז. המשך וככה תרל"ז פפ"ח). [ולדיעה שני' (במדרש שם) משמע שנשתנה טבעו ולא נצטער, ראה בארוכה לקו"ש (חל"ו) תשא תש"נ. וראה לקמן הערה 114].

דורך אַ ברכה פרטית, „בורא פרי הגפן"[54] וכיו"ב — דעם דבר ה' החדש אין אַלע „פרי הגפן" בכל העולם], א.א.וו.[55].

ה. ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו גילוי כבודו של הקב"ה בכללות הבריאה (טבע), עד"ז איז דאָס אויך אין דעם גילוי אלקות דורך נסים: די שלימות הכוונה ברוב הנסים איז, אַז דער נס זאָל ניט בלייבן אַ זאַך וואָס איז אינגאַנצן העכער פאַר טבע, נאָר אַז דער נס זאָל פאַרבונדן ווערן און דורכנעמען דעם טבע.

עד"ז איז אויך בנוגע צו דעם נס פון „פרח מטה אהרן" — אַז דער נס (וועלכער איז געקומען צו מגלה זיין „שבחרתי באהרן הכהן") האָט אויפגעטאָן אין מטה אהרן, אַז ס'איז געוואָרן און געבליבן פאַרבונדן מיט דעם טבע המטה, אַזוי אַז דער אופן הפריחה איז געווען אין אַ סדר טבעי פון צמיחת פירות, מיט דעם גאַנצן סדר השתלשלות שבזה, „ויוצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים".

ויש לומר — בלשון החסידות — די שייכות מיט כהונה דוקא: דער[56] אויפטו פון כהונה (ברכת כהנים) איז, אַז דאָס איז ממשיך פון למעלה מסדר השתלשלות[57]. און דערפאַר איז דאָס פאַרבונדן מיט זריזות („עד מהרה ירוץ דברו"[58]), וואָס מטעם זה איז דער סימן לבחירת הקב"ה בכהונת אהרן אין שקדים דוקא, ווייל זיי זיינען „ממהרים להגמר יותר מכל הפירות"[59] (בכ"א יום[60], שנעלער פאַר אַנדערע פירות), און בנדו"ד איז די מהירות געווען (ניט בכ"א יום, נאָר) בתוך לילה[30] — וואָרום זריזות ומהירות באַווייזט אויף אַ המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות: אַ המשכה שבסדר השתלשלות איז „מתעכב ושוהה עד שנמשך ובא למטה שהרי בכל השתלשלות מהיכל להיכל הוא ע"י משפט אם ראוי הוא כו'", משא"כ בברכת כהנים ווערט דער שפע נמשך „במהירות דרך כל העולמות באין מונע ומעכב כו'"[61]. לאידך גיסא — איז די המשכה (במהירות) שלמעלה מסדר השתלשלות ווערט נמשך „דרך כל העולמות", ווי ס'איז מודגש אין דעם נס פון „פרח מטה אהרן", אַז ביחד עם זה וואָס דאָס איז אַ נס און געקומען במהירות, איז דאָס פאַרבונדן און גייט דורך דרך הטבע פון צמיחת הפירות.

ואולי י"ל ולהוסיף, די שייכות מיט (פ') קרח דוקא. ובהקדים, אַז „קרח" און „חקת"

54) משנה ברכות לה, א.

55) ובדוגמת זה בברכות הראי' על מעשי בראשית (וכיו"ב) — „ברוך עושה מעשה בראשית", „ברוך שכחו וגבורתו מלא עולם" — שעי"ז מגלים מעשי בראשית אלו כבודו של הקב"ה, ביחס לכל הבריאה כולה (מעשה בראשית). — ולהעיר שלאחרונה שמענו וראינו בעיר זו רעמים וברקים, עליהם מברכים ברכות הנ"ל. ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך ברכות הראי' (ע' שנו ואילך). וש"נ.

ולהעיר, שלאחרונה הי' גם התפרצות „הר־געש" ורעידת האדמה (חידוש ושינוי בטבע העולם) במקום רחוק בעולם, אשר, ע"י ברכתם של כמה יהודים שם „שכחו וגבורתו מלא עולם" (ראה ברכות נט, א. וראה אנציקלופדי' שם ר"ע שנז. וש"נ), מגלה ה„הר־געש" כבודו של הקב"ה ובכל העולם כולו („מלא עולם"). ובפרט בנוגע לאלו הגרים בארצות הברית, כיון שאנשי הצבא שלה נמצאים שם ועוסקים בהצלת הניזוקים כו'.

56) בהבא להלן, ראה לקו"ת סוף פרשתנו (נה, ג ואילך). סהמ"צ להצ"צ מצות ברכת כהנים (דרמ"צ קיב, א־ב). ובכ"מ.

57) ראה גם סה"מ תרכ"ט בתחלתו. תרנ"ד ס"ע שטו ואילך. לקו"ש ח"י ס"ע 38 ואילך, ובהנסמן שם. ברכת ערב יוהכ"פ (לאחרי תפלת מנחה) ש.ז. — לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 27 ואילך.

58) תהלים קמז, טו.

59) לקו"ת שם. וראה גם פרש"י פרשתנו יז, כג.

60) קה"ר פי"ב, ז — הובא בלקו"ת שם.

61) לקו"ת שם נה, ד.





פון דיביידע קוים [נאָכמער ווי די מעלה פון אַ קרן זוית], און צוזאַמען דערמיט ביידע קוים (ווי אין דעם אות ד') — דעמולט האָט מען שלימות העבודה פון ביידע קוים, און אויך די שלימות החיבור ביניהם.

וואָס דאָס איז דער תוכן פון חודש הד', חודש הגאולה — גאולת ג' תמוז וי"ב־י"ג תמוז — אַז דער נס שלמעלה מטבע (ע"ד די נקודה) זאָל נמשך ווערן און איבערמאַכן טבע העולם (די צוויי קוים פון אורך ורוחב). ביז אַז דאָס דערגרייכט אויך אין אַ מצב פון „רש", עניות דלעו"ז (דער ענין המאסר דורך די מנגדים לקדושה), און מאַכט דאָס אויך איבער[92]. ואדרבה: דוקא דורך דער ירידה למטה אין אַ מצב פון צרה — ווערט נתגלה ווי „עמו אנכי בצרה"[93], וואָס דאָס גייט אויף עצמותו ית', שלמעלה פון אַלע גדרים פון סדר השתלשלות עליון ותחתון, און דעריבער — אע"פ וואָס דער אויבערשטער איז עליון שאין למעלה ממנו, און צרה איז בעולם תחתון שאין למטה ממנו — איז „עמו אנכי בצרה" (היפך השתלשלות, פון עליון ותחתון), און אויך אין דעם מצב — בחי' אחוריים — ווערט נתגלה דער יו"ד (נקודת היהדות), ביז אַז דאָס ווערט נמשך און פאַרבינדט אויך דעם עליון ותחתון פון סדר השתלשלות.

ט. פון דאָס אויבנגעזאָגטע זיינען פאַראַן כמה לימודים, הן בכללות עבודת האדם, הן בנוגע צו זיך והן בנוגע צו זיין עבודה בעולם, והן בעניני תומ"צ והן בעניני רשות (באופן פרנסת האדם), און אויך ובמיוחד — בקשר מיט דער גאולה פון ג' תמוז — בנוגע צו דער עבודה פון הרבצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה.

ובפרט אַז מ'האָט דעם ציווי אַז מ'דאַרף אַוועקלייגן מטה אהרן „למשמרת לאות" („שבחרתי באהרן הכהן"), „משנגנז ארון נגנז עמו כו' מקלו של אהרן בשקדי' ופרחי'" — איז פאַרשטאַנדיק אַז דערפון איז דאָ אַ הוראה נצחית לדורות: און וויבאַלד אַז יעדער איד איז אַ חלק פון „ממלכת כהנים"[94], „כהנים גדולים"[95] [וכפס"ד הרמב"ם[96], אַז „לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו' הרי זה נתקדש קדש קדשים"] — איז מובן, אַז באַ יעדן אידן דאַרף אויך זיין מעין דעם ענין פון „פרח מטה אהרן", „ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים".

י. דער לימוד דערפון אין כללות עבודת השם:

אע"פ וואָס די עבודה פון אַ איד דאַרף זיין מתוך קבלת עול — שלמעלה מטעם ודעת, און אין אַן אופן של זריזות שלמעלה ממדידה והגבלה, „בכל מאדך"[97], און דוקא דאָס דערגרייכט אין דעם „מאד" שלמעלה[98] — וואָלט מען דאָך געקענט מיינען אַז אין דעם באַשטייט שלימות העבודה, ובלשון הידוע[99]: אילו נצטווינו לחטוב עצים —

האָט מען די הוראה פון „פרח מטה אהרן", אַז לאחרי דעם יסוד פון קבלת עול, קען און דאַרף די נקודה שלמעלה

92) ובפרט לאחרי מאתיים (ר') שנה להולדת אדמו"ר הצמח צדק.

93) תהלים צא, טו.

94) יתרו יט, ו.

95) ראה בעה"ט עה"פ. וראה גם אגדת בראשית פע"ט (פ).

96) סוף הל' שמיטה ויובל.

97) ואתחנן ו, ה.

98) תו"א מקץ לט, ד. ובכ"מ.

99) לקו"ת שלח מ, א.

דער חודש פון דעם המשך וסיום המאסר (ע"ד ענין „דלים"), באופן אַז דאָס (בחי' דלים) ווערט נהפך צו דעם חודש הגאולה[85].

ויש לומר אַז דער ענין איז מרומז אין צורת ה(אות) ד':

אע"פ[86] וואָס דער אות ד' און אות ר' זיינען ענלעך דערמיט וואָס ביידע באַ־ווייזן אויף ענין העניות: דלי"ת מלשון דלות ור"ת דלים, און רי"ש מלשון רש („ולרש אין כל"[87]), און ביידע באַשטייען פון צוויי קוים, איינער למעלה ברוחב און איינער באורך (מלמעלה למטה) — איז דאָ אַן עיקריות'דיקער אונטערשייד צווישן זיי: אות ד' האָט אַ נקודה (י') מאחורי' (וועלכע פאַרבינדט די צוויי קוים), משא"כ אות ר'.

איינער פון די ענינים אין דעם: די נקודה באַווייזט אויף ענין הביטול, און דאָס גייט אויף דער נקודת היהדות וואָס איז דאָ בשלימות באַ יעדער איד, אפילו ווען ער שטייט אין אַ מצב פון „אחוריים" (ניט אין פנים דקדושה), כמאחז"ל[88] „אע"פ שחטא ישראל הוא", וואָרום די נקודת היהדות איז העכער פאַר אַלע העלמות והסתרים, און העכער פאַר אַלע דרגות אין סדר השתלשלות — די נקודה פון יחידה וואָס פאַרבינדט אַ אידן מיט דעם יחיד שלמעלה[89].

און די נקודה (ביטול) מאחורי הד' באַווייזט אַז די דלות ועניות פון דעם ד' איז דער ביטול פון קדושה — וואָס פאַר־בינדט אים מיט די העכסטע דרגות, דלי"ת אויך מלשון „דליתני"[90] (הרמה), וע"ד די מעלה פון „תפלה לעני" וועלכע דער־גרייכט אַז „לפני הוי' ישפוך שיחו"[91], משא"כ דער אות ר' וואָס האָט ניט קיין נקודה פון ביטול — איז די עניות פון דעם וואָס זי האָט קיין שייכות ניט צו קדושה.

ועפ"ז קען מען אויך מסביר זיין דער אונטערשייד צווישן די צוויי קוים פון דעם ר' און פון דעם ד': די צוויי קוים — ברוחב ואורך — זיינען כולל אַלע דרגות פון סדר השתלשלות, וועלכער טיילט זיך בכללות אויף עליון ותחתון, רוחב ואורך: דער קו למעלה (ברוחב) איז אַ שלימות בהרחבה, אָבער אין דער דרגא עליונה עצמה (ע"ד איכות), און דער קו באורך באַווייזט אויף דער המשכה מלמעלה למטה (צו נידעריקערע דרגות).

שלימות העבודה באַשטייט אין דעם אַז מ'זאָל האָבן ביידע מעלות צוזאַמען: נקודת הביטול און ווי דאָס ווערט נמשך און נעמט דורך אויך סדר השתלשלות (די צוויי קוים): בשעת מ'האָט די ביידע ענינים פון עליון ותחתון, אָבער עס פעלט די נקודת הביטול (פון דעם עצם) — דעמולט פעלט סו"ס אין דער חיבור פון די ביידע קוים (ביז אַז עס פעלט אויך אין דער שלימות פון ביידע קוים עצמם), ביז אַז דער פירוד ביניהם קען ברענגען צו אַ מצב פון „רש", עניות היפך הקדושה (ע"ד ווי ס'איז געווען באַ קרח, אותיות „חק ר"", כנ"ל ס"ה). בשעת ס'איז אָבער דאָ דער ביטול פון נקודת היהדות (די נקודה מאחורי הד') — וואָס איז מחוץ און העכער

---

85) ראה לקו"ש חי"ח ע' 309 ואילך. וש"נ.

86) בהבא להלן, ראה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות – רי"ש ס"ב (ע' שס ואילך). וש"נ.

87) שמואל־ב יב, ג. וראה גם משלי י, טו. ל, ח.

88) סנהדרין מד, א.

89) ראה לקו"ת ראה כה, א. כז, א. ובכ"מ.

90) תהלים ל, ב.

91) תהלים קב, א. וראה כתר שם טוב סצ"ז. אור המאיר פ' וישלח. וראה לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 555.



משיחות יום ה' פ' קרח, בדר"ח תמוז וש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א

באַשטייען ביידע פון די אותיות „חק", נאָר אין „קרח" קומט צו אַ רי"ש, און אין „חקת" — אַ תי"ו: באַ קרח (משבט לוי) איז געווען דער גילוי פון „חק", למעלה מטעם ודעת ולמעלה ממדידה והגבלה (כמבואר אין חסידות[62] אַז טענת קרח איז געקומען צוליב מעלתו, „פיקח הי'"[63], וואָס ער האָט געזען דער גילוי שלמעלה ממדידה ו־הגבלה ווי ס'וועט זיין לע"ל); זיין טעות (בערעור על כהונת אהרן) איז באַשטאַנען אין דעם ענין פון „ר'", „רש" (אָרעמ־קייט[64]), וואָס באַווייזט אַז די המשכה (פון מחשבה ודיבור) קומט ניט אַראָפּ אין סדר השתלשלות (קרח האָט געוואָלט פאַנאַנ־דערטיילן עליון און תחתון[65]), ווי אין דעם אות ר' וואו עס פעלט דער קו השלישי (פון אות ה') כנגד[66] מעשה[67].

משא"כ אין „חקת" — „זאת חקת התורה" — ווערט נמשך פון „חק" (למעלה ממדידה והגבלה) אין דעם אות „ת'", סוף וסיום כל הכ"ב אותיות התורה, ד.ה. אַז עס ווערט נמשך אין און דורך גאַנץ סדר השתל־שלות (אַלע אותיות פון אל"ף ביז תי"ו), אין אַלע דריי קוים (באות ת') פון מחשבה דיבור ומעשה, און תורה עבודה וגמילות חסדים, ואדרבה: באופן אַז זיי ווערן אַלע נתחבר — ווייל בסיום ושלימות העבודה, ווען מ'האָט די מהירות דקדושה (פון דער המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות אין סדר השתלשלות), ווערט דער חיבור יחד פון אַלע דריי קוים, אַז פון דעם עליון (מחשבה ודיבור) קומט מען גלייך במהי־רות אין דעם תחתון (מעשה), אָן קיין הפסק ביניהם (ניט ווי אין דעם אות ה"א[68]). און דערפון קומט מען צו דער נקודה מתחתית ה(קו השמאלי פון) אות ת' — נקודת הביטול, און אַ נקודה גדולה (מיט אורך ורוחב), ד.ה. אַז דער ביטול גייט צוזאַמען מיט דער התפשטות לאורך ורוחב; און דאָס קומט בסיום האות — וואָס ווייזט אויף שלימות נקודת הביטול בסיום העבודה.

און דורך דעם ווערט אויפגעטאָן דעם ענין פון „חקת" — אויך מלשון חקיקה[69], וואָס ווייזט אויף אַ המשכה נצחית (בלי שינוי), פאַרבונדן מיט ת', כמאחז"ל[70] „תי"ו — תחי'" — ששלימותו חיים נצחיים.

ו. ע"פ הנ"ל י"ל אין דעם נס פון „שמש בגבעון דום":

די כוונה אין דעם נס איז געווען — ניט אַרויסגיין פון דרכי הטבע לגמרי — נאָר ווי אין רוב הענינים, אַז דער נס זאָל צוהעלפן אין דעם נצחון המלחמה[71] וואָס איז פאַרבונדן (עכ"פ במקצת) אויך מיט

---

62) שם נד, סע"ב ואילך. וש"נ. אוה"ת פרשתנו ע' תרסו. תרצד. סד"ה ויקח קרח העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' א'מג ואילך). סה"מ מלוקט ח"ג ע' רג ואילך.

63) תנחומא פרשתנו ה. במדב"ר שם פי"ח, ח. פרש"י פרשתנו טז, ז.

64) ראה לקמן ס"ח. וש"נ.

65) ראה לקו"ש ח"ח ע' 117 ואילך. סה"מ מלוקט שם. וש"נ.

66) נסמן בהערה 68.

67) ראה בארוכה שיחת ש"פ קרח ג' תמוז תשמ"ח ס"ו (ס' השיחות ח"ב ע' 503). וש"נ.

68) ראה תו"א מגלת אסתר צה, סע"ב ואילך. לקו"ת ר"פ בלק (סז, א ואילך). סה"מ תר"ן ע' רעט ואילך. תרנ"ח ע' ריב. ה'שי"ת ע' 122. סה"מ קונטרסים ח"א רמא, א ואילך. שיחת ש"פ ויגש (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 215).

69) לקו"ת ר"פ חוקת.

70) שבת נה, א.

71) ראה רלב"ג שבהערה 18, ש„מה שאמר ולא הי' כיום ההוא לפניו ולאחריו לשמוע ה' בקול איש כי ה' נלחם לישראל, הורה בזה כי זה המופת הוא בענין המלחמה בעצמותה, ואם הי' זה המופת בעמידה מהתנועה לא הי' לו רושם בענין המלחמה כלל כו'", עיי"ש.

דרך הטבע. אפילו אין דער מלחמה — וואָס איז „ה' נלחם לישראל"[19] — האָט געדאַרפט זיין די התלבשות אויך בדרך הטבע.

דעריבער איז ניט געווען אַ נס וואָס האָט לגמרי שולל געווען די מלחמה בדרך הטבע (ע"י יהושע), נאָר אַ נס וואָס האָט צוגעהאָלפן די מלחמה שלהם: די הכנה והכשרה צו דעם נצחון איז געווען דורך דעם נס פון „שמש בגבעון דום"[72], אָבער דאָס אַליין האָט ניט אויפגעטאָן דעם נצחון. לאחרי וואָס עס האָט גע־לויכטן אור היום הטבעי (פון אור ה־שמש)[73], האָט יהושע און די אידן גע־דאַרפט נאָכלויפן און מלחמה האָבן מיט די אויבים בדרך הטבע.

ועפ"ז אולי יותר מסתבר זאָגן, אַז דער נס עצמו (פון „שמש בגבעון דום") איז געווען אין אַן אופן וואָס איז פאַרבונדן מיטן טבע פון מהלך השמש (אופן שני הנ"ל ס"ב) — און דאָס האָט אָפּגעשטעלט ניט נאָר דער שמש וירח, נאָר אַלע כוכבים ומזלות, און דעם מהלך פון דעם גלגל היומי בכלל, און אַלע גלגלים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מהלך השמש.

[ויומתק ע"פ דעם ביאור אין חסידות[74] אין אמירת יהושע „שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון", אַז דורך אָפּשטעלן דעם מהלך השמש ולבנה (זייער השתחוואה וביטול[75]), וואָס דאָס איז דורך פועל'ן אויפן שמש „דום[76] מלומר שירה"[77] — האָט יהושע געוואָלט מבטל זיין די השפעה צו די אומות העולם (מיט וועלכע אידן האָבן דאַמאָלס מלחמה געהאַט) וועלכע דינען דעם שמש וירח (וכוכבים ומזלות), און דורך דעם — ווערט אויך אויפגעטאָן ב־נצחון המלחמה. וואָס לויט דעם לייגט זיך נאָכמער צו זאָגן אַז מיט „שמש בגבעון דום" האָט זיך אָפּגעשטעלט דער מהלך ניט נאָר פון שמש וירח נאָר אויך פון נאָך כוכבים ומזלות (אין די אַנדערע גלגלים)].

ז. ועד"ז אולי י"ל איז אויך די הסברה אין דעם נס הגאולה פון ג' תמוז (בשנת תרפ"ז):

צוזאַמען דערמיט וואָס דער נס פון ג' תמוז איז געווען אַ נס שלמעלה מהטבע, האָט ער געהאַט אַ ווירקונג אין דער טבע גופא, אַז זי האָט „מסכים" געווען צו דעם נס [ובפרט אַז דאָס איז לכתחילה געווען אַ נס המלובש בטבע, ובמיוחד בערך צו דעם נס פון „פרח מטה אהרן" און „שמש בגבעון דום"], כידוע אַז די זעלבע מענטשן וואָס האָבן דעם בעל המאסר והגאולה פאַרשפּאַרט אין תפיסה, האָבן זיי גופא (פאַרבלייבנדיק בתקפם) געמוזט אים באַפרייען, ביז אַז זיי האָבן געדאַרפט אַרויסהעלפן אין דעם שחרור וגאולה[78].

און דעריבער יש לומר, איז דער נס ניט געקומען בבת אחת (אין אַ גאולה שלימה), נאָר ער האָט זיך אויסגעשטעלט

72) ועד"ז הנס ש„וה' השליך עליהם אבנים גדולות מן השמים גו'", אף שעי"ז „ימותו רבים גו' מאשר הרגו בני ישראל בחרב" (יהושע שם, יא).

73) וראה לקו"ש ח"ח ע' 120, שגם ע"י עצם הענין דביטול תנועת השמש נתקיימה הכוונה דטבע השמש עצמו.

74) סידור שער המילה קמב, א ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות מילה (ה, א ואילך). אוה"ת שבועות ע' קט ואילך. נ"ך (כרך ב) ע' תשלח ואילך. וראה לקו"ש חכ"ח ע' 261 ואילך.

75) ראה ב"ב כה, א.

76) פרש"י עה"פ.

77) ד„כל זמן שהוא דומם עומד ואינו מהלך, שבכל עת הילוכו הוא אומר שירה" (פרש"י שם). וראה גם יל"ש יהושע רמז כב. מדרש תהלים יט, ה.

78) ראה גם לקו"ש ח"ח שם. חי"ח ע' 237 ואילך. חכ"ח ע' 256.





אין שלבים בדרך הטבע — בהתאם צו דעם מצב פון דעם צד שכנגד (וועלכער איז געווען בתקפו), אַז זיי מצד מצבם („טבעם") זאָלן קומען צו דער הכרה אַז מ'דאַרף אים באַפרייען, אָנהויבנדיק דורך מבטל זיין די גזירה פון היפך החיים ר"ל אויף פאַרשיקן אים לעיר מקלטו אין קאַסטראַמאַ, ביז — אַז זיי האָבן אים אינ־גאַנצן באַפרייט[79].

אָבער אויך דערנאָך איז די מדינה געבליבן בתקפה, כולל — בשייכות מיט די התנגדות צו דת ישראל וכו', און דעריבער האָט די שלימות הגאולה פון אידן (במדינה ההיא) געדויערט אַ משך זמן, ביז אַז זיי אַליין (במשך השנים) זאָלן סו"ס קומען צו דער הכרה און פון דאָרט אָנהויבן לאָזן אידן פירן זיך פרייערהייט אין אַלע ענינים פון אידישקייט, און אויך אַרויסלאָזן אידן פון מדינה ההיא (און זיי נאָך אַרויסהעלפן אין דעם),

כולל אויך — בימים אלו ממש — די שקו"ט און דער רצון פון כו"כ במדינה ההיא צו אומקערן דעם נאָמען פון שטאָט „לענינגראַד" (וואו ס'איז געווען דער מאסר וישיבה בבית האסורים) — דער נאָמען וואָס זיי האָבן איר געגעבן (על שם זייער פירער) — צוריק צו דעם נאָמען „פּעטערבורג" (דער נאָמען פון שטאָט בזמן המאסר והגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן[80]) — דער נאָמען וואָס דער צאַר בזמן בניית העיר האָט איר אָנגערופן (וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר דער סאַמע היפך פון די קאָמוניסטן). והגם אַז אויך אונטערן צאַר זיינען געווען מניעות ועיכובים צו אידישקייט — קומט עס ניט צו דעם וואָס איז געוואָרן דורך די וואָס האָבן אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט דעם בעל המאסר והגאולה; ויש לומר, אַז אין דעם שקו"ט ורצון צו צוריק אומקערן דעם שם העיר פון „לענינגראַד" אויף „פּעטערבורג" — זעט מען נאָכמער בגלוי די פעולה נמשכת פון דער גאולה בי"ב־י"ג תמוז, די גאולה כללית פון אַלע אידן איבער זייערע מנגדים בכלל, ובפרט במדינה ההיא.

ח. ואולי יש לקשר זה אויך מיט דעם חודש הגאולה (חודש תמוז) — דער חודש הרביעי, וועלכער[81] קומט נאָך — ובכח פון — חודש השלישי (ירחא[82] תליתאי)[83], בדוגמא צו אות ג' וד' ר"ת „גמול דלים"[84], די השפעה (גמול) פון חודש הג', דער חודש פון מתן תורה, אין דעם חודש הד',

79) ובזה גופא — נתעכב נתינת תעודת השחרור בפועל עד י"ג תמוז (כנ"ל הערה 9), שבזה ניכר ומודגש שהפעולה רשמית דהחופש נעשית ע"פ חוק המדינה, כיון שנתעכב החופש עד לי"ג תמוז, שבו הי' המשרד הממשלתי פתוח באופן רשמי ע"פ חוק המדינה (ראה ס' השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 568 ואילך).

80) ועד שעל שם עיר זה (פעטערבורג) נקראת גם הגאולה שלו, ופעולת הגאולה — שעיקר הענין דהפצת המעינות חוצה התחילה „נאָך פעטערבורג" (כן הוא הלשון בס' השיחות תורת שלום ס"ע 112).

– ולהעיר שגם גאולת אדה"ז היתה קשורה בדרכי הטבע (של אוה"ע) — ראה אגרות קודש אדה"ז סל"ח. וש"נ (וראה ס' השיחות תשמ"ט שם. לקו"ש חכ"ה ע' 186 ואילך). וכמודגש גם בסיפור הידוע בנוגע לקידוש הלבנה שלו על הספינה בזמן היותו במאסר (לקו"ד ח"ד תשנב, ב. וראה גם לקו"ש ח"ה ע' 80. ס' השיחות תש"נ ח"א ס"ע 201 ואילך. שיחת ש"פ ויק"פ שנה זו).

81) ראה בארוכה ספה"ש תשמ"ז ח"ב — שיחת ש"פ קרח ס"ב ואילך. סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 494. 528. סה"ש תשמ"ט ח"ב ע' 549.

82) שבת פח, א.

83) ולהעיר שהתחלת המאסר היתה בט"ו סיון, קיימא סיהרא באשלמותא (זח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, א. שמו"ר פט"ו, כו. ועוד) דירחא תליתאי.

84) שבת קד, א.